# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**7:29**
מוצאי שב"ק...................**9:57**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................קהלת ט'-י'
בבלי........................סוכה מ"ה
ירושלמי...................נדרים ל"ז
תוספתא....................שבת י"ז
רמב"ם..מעשר שני ונטע רבעי ד'

פרשת כי תצא, י"ג אלול, אבות פרק א'-ב', שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 46 (513)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ.**

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק"י) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי בְּחִירָה?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אַרְבֶּעט זֵייעֶר פָּשׁוּט. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט, טוּסְטוּ; אוּן אוֹיבּ ווִילְסְטוּ נִישְׁט, טוּסְטוּ נִישְׁט"... שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה, אַז עֶר ווִיל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, כִּי תֵצֵא, גְלַייךְ ווֶען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער ווֶעלְט, לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז, וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט פָאלְגְן. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטַאפְּל אִיז קוֹדֶם צוּ ווִיסְן בִּכְלַל אַז מְ'שְׁטֵייט אִין אַ מִלְחָמָה, סְ'זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס כַאפְּן בִּכְלַל נִישְׁט אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן אִינְמִיטְן שְׁלַאכְט פֶעלְד, ווֶען מְ'ווֵייסְט כָאטְשׁ אַז מְ'אִיז אוֹיפְ'ן פְרָאנְט, מְ'אִיז יֶעדֶע מִינוּט אִין אַ סַכָּנָה גֶעכַאפְּט צוּ ווֶערְן דוּרְכְ'ן פַּיינְט, דַאן פְרוּבִּירְט מֶען כָאטְשׁ צוּ קֶעמְפְן, מְ'טוּט זִיךְ אָן מִיט שְׁטַארְקֶע פַּאנְצֶערְס, מְ'נֶעמְט דִי גֶעווֶער אִין דִי הַאנְט, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַן הָאפֶענוּנְג צוּ בַּאזִיגְן דֶעם שׂוֹנֵא.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס בַּאווַייזְן? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן מִיטְ'ן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:) "אִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ, לֹא יָכוֹל לוֹ", אָן דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט בַּייקוּמֶען אַלֵיין דֶעם שְׁווֶערְן יֵצֶר הָרַע.

וָואס אִיז אוּנְזֶער גֶעווֶער? תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע ווֶעג גֶערַאטֶעווֶעט צוּ ווֶערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אוּנְז אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ "בְּיָדֶךָ", ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ז, י"ב) וַיְהִי "יָדָיו" אֱמוּנָה עַד בֹּא הַשָּׁמֶשׁ, וָואס דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיף דֶעם "פְּרִיסָן בִּצְלוֹ", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיין הֶענְט מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע ווֵייסְט אָבֶּער אוֹיךְ פוּן דֶעם סוֹד, אַז אוֹיבּ אַ אִיד ווֶעט זַיין שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, עֶר ווֶעט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן ווֶעט עֶר אִינְגַאנְצְן פַּארְלִירְן, דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֶערְן אוּן שְׁוַואךְ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן פוּן דֶעם אַלֵיין דַארְף אַ אִיד נֶעמֶען דִי חִיזּוּק זִיךְ יָא צוּ שְׁטַארְקְן מִיט תְּפִלָּה, וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, מְ'דַארְף פַאנְגֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע דַוְקָא מִיט דִי זַאךְ וָואס עֶר ווִיל מִיר פַאנְגֶען דֶערְמִיט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ו) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, דַוְקָא אוֹיף דִי זַאכְן וָואס קוּמְט אִים אָן שְׁווֶער, וַוייל דָארְט לִיגְט אוּנְזֶער הַצְלָחָה.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְווֵיינֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי אִים אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוועֶרִיקֵייטְן וָואס מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ, אִים אוֹיסְזָאגְן ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אוּנְז אוּן מִיר קֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן, אוּן אַז מִיר ווֶעלְן זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, ווֶעלְן מִיר סוֹף כָּל סוֹף קֶענֶען אִינְגַאנְצְן הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן סְ'ווֶעט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב', שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש לְפַרְשַׁת תֵּצֵא)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### עוֹלָם הַתּוֹהוּ

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז ווֶען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט ווֵייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, ווֶען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל שְׁווֶערְן אַז גְלַייךְ נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן ווֶעט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ ווֶעט דָאס טוּן ווֶעט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעווֶען אַ רָב וָואס אִיז גֶעווֶען אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז ווֶער פוּן זֵיי עֶס ווֶעט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר ווֶעט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְווֵייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעווֶען מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אָבֶּער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶען יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּן, אָבֶּער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶען יָאר, אוּן דֶער זוּן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקְל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁען.

<<<<<<

## א גוט ווארט

יֶעצְט ווֶען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, יֶעדֶער זוֹכְט אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף וָואס מֶען דַארְף אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן, הָאבְּן מִיר פוּן רֶבִּי'ן אַ ווֶעג פַאר תְּשׁוּבָה, אָפְּשְׁוַוייגְן ווֶען מֶען ווֶערְט פַארְשֶׁעמְט; אוֹיבּ אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט דִיר זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטִיל, עֶנְטְפֶער נִישְׁט; מִיט דֶעם ווֶעסְטוּ אָפְּקוּמֶען אַלֶע דַיינֶע חַטָּאִים עֲווֹנוֹת אוּן פְּשָׁעִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען ווֶערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָּר ווִי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

מֶען הָאט אַלֶע יָארְן גֶעזֶען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי זַאךְ פוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן ווֶען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט; בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעפְרֵייט ווֶען זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ בִּזָּיוֹן, אֲפִילוּ דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן גֶעווָאוּסְט צוּ זָאגְן אַ סִימָן ווֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ, דֶער וָואס עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"א)



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בַּיי אֵיינֶעם אַ פְּרָאסְטֶע שַׁבָּת טִישׁ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, אָבֶער אִיךְ הָאבּ חִיזוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ זֵייעֶר הִתְפַּעֲלוּת פוּן אַייעֶרע תַּלְמִידִים.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן נֶעכְטְן אַ בְּרִיוו צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט, אִינְצְוִוישְׁן הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר, אוּן ס'אִיז מִיר גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט וַוייל דִי שְׁאֵלָה אִיז מִיר דָארְט פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ גֶעוֶוען וִוי אַ תְּשׁוּבָה פוּן הִימְל וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען דָארְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַמָאל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אוֹיף אַ שַׁבָּת, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָבֶער גֶעפִילְט זֵייעֶר אוּמְבַּאקְוֶועם, דִי גַאנְצֶע הִתְנַהֲגוּת אִיז גֶעוֶוען פְּרָאסְט. אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אִיךְ אַרְבֶּעט, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין צַדִיק, אָבֶער אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעזֶען אַז מֶען זֶעצְט זִיךְ צוּ אַ שַׁבָּת סְעוּדָה אָן אַ הוּט אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע, מֶען זִיצְט בַּיי אַ סְעוּדָה אוּן מֶען זִינְגְט נִישְׁט קַיין זְמִירוֹת, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ גֶעוֶוען אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין.

דָא זֶע אִיךְ אַז וֶוען אִיךְ בַּאגֶעגְן תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, רֶעדְן זֵיי אֵיידְל, זֵיי גְרִיסְן, זֵיי קוּמֶען זִיךְ אוֹיס אִין שְׁטוּבּ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוֶוען פוּן בְּרֶסְלֶב, אוּן דָא בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שְׁטוּבּ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אוּן דִי גַאנְצֶע שַׁבָּת זֶעט אוֹיס אַזוֹי פְּרָאסְט, נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַלֵיין רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ שַׁבָּת טִישׁ, פוּן זִינְגֶען זְמִירוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, הַצְלָחָה מִיט אֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע אוֹיגְן, קוּקְן גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, זֶען דָאס גוּטְס בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת בַּיי אַנְדֶערֶע, אַ קוּנְץ אִיז צוּ זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קֶענֶען לַיידְן יֶעדְן אִיד אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם לִיבּ הָאבְּן.

דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים קוּקְן אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גוּט, זֵיי זוּכְן דָאס גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, זֵיי זֶעעֶן נִישְׁט דָאס שְׁלֶעכְטְס; מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, נָאר צוּ זֶען דָאס גוּטְס. בַּיים הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶערְצֵיילְט מֶען, הָאט אַמָאל פַּאסִירְט, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַ אִיד אִיז פַארְנוּמֶען אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען מִיט זַיין וָואגְן, דֶער אִיד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל מִיט טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן פַארְרָאכְטְן דִי וָואגְן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק גֶעזָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק אָן דֶעם אִיד, עֶר אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוֹן אִין זַיין וָואגְן, דֶער וָואגְן אִיז בַּיי אִים מֶער וִויכְטִיג פוּן אַלְצְדִינְג, דָאךְ טוּט עֶר אָן יֶעדְן טָאג טַלִית אוּן תְּפִילִין; עֶר טוּט דַיין רָצוֹן, עֶר טוּט וָואס דִי תּוֹרָה הֵייסְט טוּן"; דִי צַדִיקִים זֵיי זֶעעֶן אַנְדֶערְשׁ, זֵיי זֶעעֶן וִוי אִידְן זֶענֶען גוּט, וִוי אִידְן זֶענֶען וואוֹיל; זֵיי זֶעעֶן דִי טַלִית אוּן תְּפִילִין. אַ צְוֵוייטֶער זֶעט וִוי יֶענֶער דַאוֶונְט נִישְׁט, וִוי יֶענֶער פַאלְט, אָבֶער צַדִיקִים זֶעעֶן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז

<<<<<<

>>>>>>

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֵבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֵבֶר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֵבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט טַאקֶע אַרוֹיס פוּן קֵבֶר, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט "תַּכְרִיכִים", הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט אָבֶער גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי עֶר זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי'שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים, עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט אָבֶער גֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקְל, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶען אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַאר'ן עֶסְן, עֶר הָאט דָאךְ אָבֶער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן אֱמֶת'ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶער נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט אָנְצוּהוֹיבְּן טְרִינְקֶען, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין מִיט זֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶת'ע דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶת'ע דִין תּוֹרָה?!"

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גִילְדְן, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְטוֹן זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְּן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֵבֶר אָבֶער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'ן אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אָבֶער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דֶעם אֵיינִיקְל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶער וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוֶונֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרַ"שׁ אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס מֶען דַארְף גֵיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא אִין דִי צַייטְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן, אַלֶע טִירְן וֶועלְן פַאר אִים זַיין אָפְן אוּן עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַ"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

>>>>>>

האט אנגעוואונטשן אז די סייעתא דשמיא זאל אים שטענדיג באגלייטן בכל אשר יפנה.

דאן האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, די גרויסע שמחה פון די גאנצע קהלה אז מ'איז זוכה אויפצונעמען א דיין אין די קהלה, און האט באטאנט די געוואלדיגע התמדת התורה פונעם דיין שליט"א אלע יארן, די פילע שיעורים וואס ער האט אויפ'ן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, ער איז זוכה צו ענדיגן יעדעס יאר ש"ס, שוין דורכגעלערנט הונדערטער מאל ששה סדרי משנה, און אזוי ווייטער זיינע פילע שיעורים בכל מקצועות התורה, און איז ער אנגעקומען צו זיין שטארקע הצלחה במעלות התורה, און דאס איז א זאך וואס יעדער קען נאכמאכן, נישט יוצא זיין מיט'ן דיין'ס לערנען, נאר יעדער זאל זיכער מאכן צו לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, אויפ'ן סדר דרך הלימוד קען יעדער איד, אין יעדן מצב, אויך לערנען תורה, קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען פון די הייליגע תורה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט פון דעם וואס מענטשן כאפן נישט וויפיל א דיין גיבט זיך אוועק פון זיך פאר אנדערע אידן, מ'כאפט נישט וויפיל צייט א דיין גיבט אוועק צו ענטפערן שאלות, ער גיבט אוועק זיין טאג און נאכט צו העלפן אידישע קינדער. אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט די וויכטיגקייט פון פרעגן יעדע שאלה און ספק פון א דיין, אויסלערנען אויך פאר די קינדער אז א איד מוז האבן א דיין צו פרעגן אלע זיינע ספיקות, מ'קען זיך נישט אליין פסק'ענען. חז"ל זאגן אז ווער ס'איז מכבד תלמידי חכמים וועלן זיינע קינדער זיין תלמידי חכמים, קינדער שמעקן זייער גוט וואס איז חשוב ביי די עלטערן, אויב עלטערן זענען נאר פארנומען מיט געלט, הייזער, קארס, און אנדערע נארישקייטן, קען מען נישט צווינגען די קינדער ליב צו האבן תורה, אבער אז די קינדער זעען אז ביי די עלטערן איז חשוב די הייליגע תורה, מ'איז מכבד תלמידי חכמים און ערליכע אידן, וועלן די קינדער אויך באקומען א ליבשאפט צו די הייליגע תורה.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט פארענדיגט מיט דברי ברכה פאר'ן חשובן דיין שליט"א, ער זאל קענען מדריך זיין די אידן פון שטאט אויפ'ן ריכטיגן וועג, בדבר ה' זו הלכה, ווי אויך ווייטער ממשיך צו זיין מיט זיין אמט אלס ראש הכולל, און אויפשטעלן נאך פילע דיינים.

נאך די דרשות איז דער גאנצער עולם דורכגעגאנגען אנצוואונטשן ברכת מזל טוב פאר'ן דיין שליט"א, און מ'האט זיך ארויסלאזט אין פייערליכע טענץ בשמחת התורה.

ביים סוף האט מען געבענטשט ברכת המזון, און דער עולם איז זיך צעגאנגען מיט התרוממות הנפש, נאך א אזא דערהויבענער מעמד נשגב וואס וועט בלייבן אין די ביינער פון אלע באטייליגטע פאר לאנגע יארן.

**אלא ד' אמות של הלכה בלבד!**

***

# פרישע אפדעיטס איבער די נסיעה קיין אומאן

### *נאן-סטאפ פלייט אום מוצאי שב"ק*

נאך אסאך מי און פלאג איז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף געלונגען פאר די שטאב פון "פלען איט רייט" צו פועל'ן ביי די אוקריינע לופטפעלד באאמטע צו ערלויבן דעם טשארטער וואס פארט מוצאי שב"ק פון ניו יארק קיין קיעוו, און צוריק אום צום גדלי', צו זיין א דירעקט נאן-סטאפ פלייט, אן קיין אפשטעל אינדערמיט.

דאס איז גאר גוטע נייעס פאר אלע וואס האבן געקויפט טיקעטס אויפ'ן טשארטער, וואס וועט אין רעזולטאט פון דעם טויש זיין אסאך געשמאקער, שנעלער, און גרינגער, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען זיך דורכדעם שפארן אסאך צייט.

דער טשארטער וועט בעז"ה אנקומען אין קיעוו זונטאג אום 4:00 נאכמיטאג (אנשטאט זיך אפצושטעלן אין פוילן, און אנקומען אום 7:00 ביינאכט), די זעלבע בעז"ה אויפן וועג צוריק, ווען מען וועט זיך נישט דארפן אפשטעלן אינמיטן וועג, און אזוי וועט מען אנקומען בעז"ה קיין נוארק עירפארט דאנערשטאג צום גדליה אום 9:00 אינדערפרי (אנשטאט וואס מען וואלט געדארפט אנקומען 11:45 מיטאג נאך א סטאפ אין פוילן).

די טיקעטס וואס זענען נאך איבערגעבליבן ווערן יעצט פארקויפט פאר בלויז $1,899. עס דארף אנגעמערקט ווערן, אז דער פליגער וועט זיין צוגעשטעלט פאר אידן אנשי שלומינו אויפ'ן בעסטן און כשר'סטן אופן וואס מעגליך. עס וועלן זיין נאר מענער סטוארדס, די ווידיאס וועלן נישט ארבעטן, און מען וועט סערווירן פיינע כשר'ע מאלצייטן פאר אלע פאסאזשירן.

### *קאוויד רעגולאציעס אין אוקריינע*

מיר האבן שוין געמאלדן די פארגאנגענע וואך די רעגולאציעס פון אוקריינע אנבאלאנגט די קאראנע ווירוס. מיר ווילן נאר קלאר שטעלן 2 נקודות.

די נישט וואקסינירטע וואס קומען אריין אין אוקריינע, האבן נאר 24 שעה אנצוקומען צו זייער דעסטינאציע אין לאנד איידער זיי דארפן זיך קוואראנטינען. און זיי האבן 72 שעה ארייננצושיקן פאר די ארטיגע באאמטע א נעגאטיוו קאראנע טעסט כדי צו קענען ארויסגיין פון קאווראנטין.

איבער דעם סמארטפאון וואס מיר האבן געשריבן אז די ארטיגע רעגירונג פארלאנגט פון אלע אומוואקסינירטע צו האבן, ווילן מיר קלאר שטעלן אז דאס איז חס ושלום נישט געווען קיין הסכמה צו האבן א סמארטפאון אין באזיס, וואס יעדער ווייסט און פארשטייט די סכנה דערפון. מ'קען באקומען א דעווייס וואס האט אויף זיך נאר דעם עפפ וואס די אוקריינע רעגירונג פארלאנגט צו קענען נאכקוקן דעם מענטש וואו ער גייט, אן קיין שום אנדערע זאכן.

### *טעסטינג צענטערן אין אומאן*

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט זיין צוגעשטעלט א טעסטינג סענטער אין אומאן דורך "פלען איט רייט", אויף צוויי לאקאציעס. אינעם בנין היכל הקודש, און אויף די פושקאנא גאס. אזוי ווי אסאך וועלן דארפן האבן קאוויד טעסטינג אנקומענדיג קיין אומאן, און יעדער אן אויסנאם וועט דארפן א קאוויד טעסט ביים צוריקפארן נאך ראש השנה.

מ'דארף זיך רעגיסטרירן און באצאלן פון פאראויס, ווייל אנדערש וועט נישט זיין גענוג צייט אין אומאן זיך צו קענען אפגעבן מיט יעדן איינעם. ביים זיך איינשרייבן דארף מען אויסוועלן ביי וועלכע לאקאציע מ'וויל נעמען דעם טעסט, און אויב מ'דארף איינס אדער צוויי טעסטס.

מ'קען זיך איינשרייבן ביי פלען איט רייט, אויף 845-678-3555. אדער אויף flytouman.com

### *זיצן אין ביהמ"ד היכל הקודש אין אומאן*

אין די יעצטיגע טעג הויבט מען שוין אן פארדינגען זיצן אין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן. דער בית המדרש וועט אי"ה זיין אפן פאר יעדן איינעם, אפילו פאר ווער ס'האט נישט געדינגען א בעט אינעם בנין.

מאכט זיכער צו דינגען אייער זיץ ווי פריער, ווי לאנג עס איז דא אן אויסוואל פון גוטע זיצן, צו קענען דאווענען מיט א רואיגקייט און התעוררות, אויסצו'פועל'ן א זיס לעכטיג יאר. מ'קען דינגען א זיץ דורכ'ן רופן 347-404-8738. לאזט א מעסידזש און מ'וועט אייך אי"ה צוריק רופן.

**וכל באי עולם עוברין לפניך כבני מרון!**

>>>>>>

אַמָאל גֶעוֶוען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיים טִישׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גִיסְט אָן דֶעם בֶּעכֶער אוּן נֶעמְט דָאס אִין הַאנְט, דֶער עוֹלָם וַוארְט דֶער צַדִיק זָאל אָנְהֵייבְּן קִידוּשׁ, אָבֶער דֶער צַדִיק שְׁטֵייט שְׁטִיל, עֶר עֶפְנְט נִישְׁט זַיין מוֹיל, דֶער עוֹלָם שְׁטֵייט אוּן וואוּנְדֶערְט זִיךְ 'וָואס גֵייט דָא פָאר? אֶפְשָׁר קוּמְט אַ נַייעֶ גְזֵירָה?!' דֶער צַדִיק שְׁטֵייט מִיט פַארְמַאכְטֶע אוֹיגְן אוּן וַוארְט אוּן וַוארְט, עֶנְדְלִיךְ הֵייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ אָן זָאגְן מִיט פֵייעֶר דִי וֶוערְטֶער פוּן קִידוּשׁ: "יוֹם הַשִּׁשִּׁי" וְגוֹ'.

דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען נֵייגֶערִיג, זֵיי ווִילְן פַארְשְׁטֵיין וָואס דָא גֵייט פָאר. שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה, פַארְוָואס הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק פַארְזוֹימְט? הָאט דֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: "פַאר קִידוּשׁ אִיז דָאךְ אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן וִוי וַוייט אִיךְ בִּין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּם גֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען פַאר מִיר צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אַרַיין צוּם טִישׁ, דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לֵצִים, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מַאכְן לֵיצָנוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'אִיךְ בִּין טַאקֶע עֶרְגֶער פוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן דָא אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אָבֶער דִי צְוֵויי זֶענֶען נָאךְ עֶרְגֶער פוּן מִיר, זֵיי זֶענֶען נָאךְ מֶער שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן; אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי כּוֹס אִין דִי הַאנְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן קִידוּשׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט צוּ טְרַאכְטְן עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף זֵיי, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן גוּטְס אִין זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט, גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף זֵיי; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אוֹיבּ אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן אִין זֵיי גוּטְס קֶען אִיךְ נִישְׁט מַאכְן קִידוּשׁ, בִּין אִיךְ פָּסוּל לְעֵדוּת, בִּיז אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וִוי נִישְׁט וִוי זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַ הֵיילִיג פְּלַאץ, זֵיי וָואלְטְן דָאךְ גֶעקֶענְט זַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּלַאץ, זֵיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט גֵיין טוּן עֲבֵירוֹת, יֶעצְט זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען אִין אַ הֵיילִיג פְּלַאץ; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען אִין זֵיי אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן קִידוּשׁ".

דָאס אִיז דִי עֲבוֹדָה בַּיי צַדִיקִים, זֵיי זוּכְן גוּטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אֲפִילוּ אוֹיף לֵצִים, נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן - טְרַאכְטְן זֵיי גוּטְס, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד עֶסְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, אַ אִיד וָואס הִיט שַׁבָּת - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָאר מֶען נִישְׁט זוּכְן דֶערְבֵּיי שְׁלֶעכְטְס, אוֹיבּ עֶר גֵייט יָא מִיט אַ בֶּעקִיטְשֶׁע אָדֶער עֶר גֵייט נִישְׁט מִיט אַ בֶּעקִיטְשֶׁע, אוֹיבּ עֶר זִינְגְט יָא זְמִירוֹת אָדֶער נִישְׁט.

אַז מֶען אִיז פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן שְׁלֶעכְטְס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע אַ חִסָרוֹן בַּיי אַ צְוֵוייטְן, אִיז דָאס מַיין פְּרָאבְּלֶעם; אָדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶענֶעם טָאג, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ יָא גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶענוּג הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען וָואלְט אִיךְ גֶעזֶען נָאר גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם".

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט אוּן וואוּ דוּ בִּיסְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן נוּצְן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס, דוּ וֶועסְט זֶען וִוי טֵייעֶר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

### נייעס אינעראהלב מוסדותינו הק׳

# געהויבענע "מעמד הכתרה" אין קרית ברסלב ליבערטי

גאר געהויבענע און פרייליכע מאמענטן האבן אנשי שלומינו מיטגעלעבט דעם זונטאג ביים "מעמד הכתרה", ווען מען האט אויפגענומען דעם חשובן דיין, הרה"ג ר׳ יונה זינגער שליט"א, אלס דיין ומורה צדק אין קרית ברסלב ליבערטי.

פילע הונדערטער אנשי שלומינו זענען געקומען צו פארן פון נאנט און ווייט מיטצוהאלטן דעם גרויסן מעמד וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג, ווי אויך די קרובי המשפחה פונעם דיין שליט"א וואס זענען געקומען זיך מיטפרייען מיט די גרויסע שמחה. דער עולם האט זיך געוואשן צו א רייכע סעודה ווי עס פאסט פאר אזא חשובער מעמד, און הנאה געהאט פון די טאלאנטפולע "הלוים" קווייער וואס האט מהנה געווען דעם ציבור.

דער אויבנאן איז באשיינט געווארן דורך חשובע רבנים און דיינים, טייל ביי וועמען דער דיין שליט"א האט געלערנט און גענומען שימוש, פאלגענד איז א טיילווייזע רשימה פון די חשובע רבנים און דיינים; הרה"ג ר׳ שמחה שטראהלי שליט"א, דומ"ץ קהל עדת יראים וויען; הרה"ג ר׳ שאול יחזקאל שווארץ שליט"א, דומ"ץ דעברעצין; הרה"ג ר׳ יחיאל שטיינמעטץ שליט"א; דומ"ץ במאנסי ומומחה גדול לעניני עירובין, וואס האט געבויעט דעם גיגאנטישן פראכטפולן עירוב אין קרית ברסלב און געבט דעם הכשר דערויף; זיין זון הרה"ג ר׳ חיים מאיר שטיינמעטץ שליט"א; הרה"ג ר׳ שאול יחזקאל פאנעט שליט"א, מו"ץ בבית הוראה קארלסבורג; הרה"ג ר׳ אברהם גראס שליט"א, דומ"ץ במאנסי; הרה"ג ר׳ אלחנן רוטה שליט"א, א ברודער פונעם ראש ישיבה שליט"א; הרה"ג ר׳ יודל זינגער שליט"א, טאטע פונעם דיין שליט"א; הרה"ג ר׳ שמחה פנחס שטראהלי שליט"א, שווער פונעם דיין שליט"א, עטליכע רבני כולל "היכל הקודש"; און נאך.

דער יושב ראש, הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א, האט געעפנט דעם מעמד מיט א ברוכים הבאים פאר אלע פארזאמלטע, און האט ארויסגעברענגט די פרייליכע אוןווארעמע געפילן אין אזא צייט ווען מ׳נעמט אויף א דיין אין שטאט, נאכדעם וואס דער שטעטל צוואוואקסט זיך אזוי שנעל און שיין, בכמות ובאיכות.

דאן האט ער פארגעליינט א בריוו פון כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א, וואס געפונט זיך יעצט אין עיה"ק מירון אין ארץ ישראל און דערפאר האט ער זיך נישט געקענט באטייליגן ביים מעמד, און האט געשיקט ספעציעל א בריוו לכבוד די הכתרה. אינעם בריוו ברענגט דער רב שליט"א ארויס זיין שמחה אז מ׳נעמט אויף דעם חשובן דיין אין שטעטל, מיט וועמען ער האט אסאך געלערנט און קען מעיד זיין אז ער איז ראוי לאותו איצטלא, צו פסק׳ענען שאלות פאר אידישע קינדער, און ער ענדיגט צו מיט א בקשה צו די איינוואוינער פון שטעטל צו מכבד זיין דעם דיין ווי עס פאסט, און אויסהערן און פאלגן זיינע הוראות.

דערנאך האט מען מכבד געווען דעם דעברעצינער דיין שליט"א מיט א דרשה. דער דעברעצינער דיין האט ארויסגעברענגט זיינע געפילן איבער דעם וואס מ׳נעמט אויף דעם חשובן דיין אין שטאט, די זכי׳ אז מ׳קען אויפנעמען א דיין וואס איז אויפגעוואקסן שוין פון אלס קינד דא אין די קהלה ביים ראש ישיבה שליט"א, און ער האט זיך ארויפגעארבעט אלס אזא גרויסער תלמיד חכם און מורה הוראה מובהק, וואס קען און ווייסט ווי אזוי צו פסק׳ענען לאמיתה של תורה. דער דיין שליט"א האט דערציילט אז אין די ערשטע העלפט פונעם זומער איז ער געווען אינדרויסן פון שטאט, טאקע נישט ווייט פון קרית ברסלב, און דאן האט ער געשטעלט דעם דיין ר׳ יונה שליט"א אויף זיין פלאץ אין שטאט, צו פסק׳ענען שאלות, וויסנדיג אז ער קען זיך אינגאנצן פארלאזן אויף אים. און גלייכצייטיג האט ער אין די צייט קעגנגעלערנט די איינוואוינער פון שטעטל, די ערליכקייט און איידלקייט וואס מ׳זעט אויף תלמידי היכל הקודש, יראים ושלמים, דאס בעסטע וואס כלל ישראל פארמאגט, וואס איז א זעלטענהייט צו זען. גלייכצייטיג האט ער ארויסגעברענגט די פילע מעלות פונעם פרישן דיין שליט"א, און צוגעענדיגט מיט ברכות אז דער דיין שליט"א זאל מצליח זיין אין זיין הייליגע ארבעט.

דאן איז ארויפגעקומען אויפ׳ן בימה איינער פון די חשובע חברי הנהלת הקהלה, מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו, וואס האט אריינגעלייגט גאר אסאך כוחות אינעם שטעטל; ער האט פארגעליינט דעם "כתב התמנות", אויפצונעמען דעם פרישן דיין שליט"א צו דינען אלס דומ"ץ קרית ברסלב ליבערטי. דערנאך האט ער גערעדט אפאר ווערטער לשבחם פון די חשובע אינגעלייט, די חברי הנהלת הקרי׳, וואס ארבעטן אזוי שווער אויפצובויען דעם שטעטל, די פילע יגיעה און פלאג וואס ווערט אריינגעלייגט אז דער שטעטל זאל וואקסן און בליען לשם ולתפארת, און וויפיל מ׳דארף זיי מכיר טובה זיין אויף דעם.

דערנאך האט מען אויפגערופן דעם חשובן דיין ר׳ יונה שליט"א פאר א דרשה. דער דיין שליט"א האט אנגעהויבן מיט די גרויסקייט פון בויען א שטעטל מיט׳ן ציל צו דינען דעם אייבערשטן, נאכבערענגדיג ווערטער פון הייליגן חתם סופר איבער דעם ענין, און אזוי ווייטער מאריך געווען מיט שיינע דברי תורה.

דער דיין שליט"א האט דערציילט וואס ער געדענקט נאך אלס קליין קינד ווי אזוי זיין טאטע שליט"א איז איין טאג אהיימגעקומען מיט אן היתר הוראה וואס ער האט באקומען, און דערציילט פאר די קינדער אז ער האט געלערנט פלייסיג און אזוי זוכה געווען צו דעם, און כאטש וואס ער האט דעמאלט נאכנישט פארשטאנען וואס דאס מיינט פונקטליך, האט דאס אים אבער שוין דעמאלט אריינגעגעבן דעם חשק אז איין טאג וועט ער אויך זוכה זיין צו דעם, און מיט דעם האט ער ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון אריינגעמען די קינדער זיי זאלן מיטהאלטן ווי דער טאטע לערנט, און דאס וועט זיי געבן די שטופ און חשק אויך צו לערנען פלייסיג און מצליח זיין אין תורה. דער דיין שליט"א האט ארויסגעברענגט זיין הכרת הטוב פאר זיין טאטע, זיין שווער, און די גאנצע משפחה, וואס האט אים ארויסגעהאלפן ער זאל קענען לערנען און אנקומען צו זיין הצלחה. ווייטער האט דער דיין שליט"א זיך באדאנקט פאר׳ן ראש ישיבה שליט"א ביי וועמען ער האט געלערנט שוין פון די צוועלף יאר אלט, און נאר דורך די לימודים פון הייליגן רבי׳ן וואס ער האט געלערנט ביים ראש ישיבה שליט"א האט ער געקענט אזוי שיין מצליח זיין. און ער האט צוגעענדיגט מיט א תפלה צו קענען געטריי באדינען די גאנצע קהלה אין אלע הלכה׳דיגע ענינים פאר לאנגע יארן.

דערנאך האט דער שווער פונעם דיין שליט"א, הרה"ג ר׳ שמחה פנחס שטראהלי שליט"א, גערעדט פאר׳ן עולם, ער האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון אויפנעמען א דיין אין שטאט, אזוי ווי מ׳האט געלערנט די פאריגע וואך, "שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך", און ווי רש"י זאגט אז דער זכות פון אויפנעמען ערליכע דיינים איז גענוג צוריק צו ברענגען אידן קיין ארץ ישראל. ער האט גערעדט פון די גרויסע זיידעס פון וועמען דער דיין שליט"א שטאמט, און זייערע גרויסע זכותים וועלן אים זיכער באגלייטן, ער זאל האבן גרויס סייעתא דשמיא. און ער האט צוגעענדיגט מיט א ברכה משולשת, א ברכה פאר כלל ישראל, וואס איז דורכגעגאנגען לײדער אזא שווערע יאר מיט אזויפיל צרות, און דער רבי זאגט אין ספר המדות "על ידי העמדת דיינים כשרים נתבטל הצרות", איז יעצט א גרויסע עת רצון צו פועל׳ן אז צום נייעם יאר זאל מען מער נישט הערן פון קיין שום צרות ביי אידישע קינדער; א ברכה פאר די חשובע איינוואוינער פון קרית ברסלב זיי זאלן מצליח זיין אין אלעס, און צום לעצט א ברכה פאר זיין חשובן איידעם, דער פרישער דיין שליט"א, אז ער זאל מצליח זיין מיט זיין עבודת הקודש, יאריך ימים על ממלכתו.

ביים מעמד האט מען אויך באערט דעם חשובן חבר ההנהלה, הרבני הנגיד מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות אינעם אויפבוי פונעם שטעטל, פון אנהויב ביז יעצט, וואס האט יעצט מנדב געווען דעם הערליכן בנין המוסדות, ווי די טייערע תינוקות של בית רבן פון שטעטל לערנען תורה א גאנצן טאג. דער גרויסער בנין המוסדות, א בנין רחבת ידים, וואו דער מעמד הכתרה איז פארגעקומען, איז גאר א גרויסע הילף פאר די מוסדות, די ברייטע קלאס צימערן און די גרויסע זאלן, געבן הרחבת הדעת פאר די מלמדים און תלמידים צו קענען לערנען תורה מיט א רואיגקייט. דער שיינער בנין איז נתנדב געווארן דורך ר׳ שבתי, און וועט גערופן ווערן אויף זיין נאמען "בנין שבתי".

ווי אויך איז ארויפגערופן געווארן בכבוד הראוי, הרבני הנגיד מו"ה יואל גאלדבערגער הי"ו, אב"י בקרית יואל, וואס די קהלה האט א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר אים, אויף דעם וואס ער העלפט גאר אסאך ארויס די הייליגע מוסדות מיט אלע לעגאלע אנגעלעגנהייטן וואס פעלט זיך אויס. שוין לאנגע יארן וואס ר׳ יואל שטייט צו די האנט פונעם ראש ישיבה שליט"א ארויסצוהעלפן מיט וואס נאר מעגליך, טעג און נעכט געבט ער אוועק אז די הייליגע מוסדות זאלן קענען אנגיין אומגעשטערט, און קענען אויפטון און מקרב זיין אזויפיל אידן צום אייבערשטן.

דערנאך האט גערעדט דער וויענער דיין שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט אז ער שפירט א זכי׳ צו קענען אויפטרעטן בשבחו פונעם דיין ר׳ יונה שליט"א, מיט וועמען ער האט אסאך געלערנט פילע מקצועות התורה, די קלארקייט וואס ער האט אין הלכה, און

<<<<<<


## אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

Plan it Rite
Travel the right way

## סימן טוב ומזל טוב

הבחור **שלום אלי׳ פעלבערבוים** ני"ו
צו זיין שמחת בר מצוה למזל טוב

***

מו"ה **יוסף קורץ** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יחיאל רייכמאן** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## מעמד הכתרה

הערט די דרשות ביים הערליכן געהויבענעם מעמד הכתרה פונעם דומ"ץ הרה"ג ר׳ יונה זינגער שליט"א

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 2, 90**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876

< BreslevCenter.com >